בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

## קוּנְטְרֵס

# גַּן עֵדֶן

### חֵלֶק א

### מְכַבֵּד זַיין דֶעם מַאן

אִין דֶעם קוּנְטְרֵס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט דִי גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת וָואס לִיגְט אִין דִי הַאנְט פוּן אַ פְּרוֹי. וֶוען זִי הָאט דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, זִי וֵוייסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אִיר מַאן, וִוי אַזוֹי מְכַבֵּד צוּ זַיין אִיר מַאן, וֶועט זִי דוּרְךְ דֶעם מַאכְן אִיר הוֹיז פַאר אַ גַן עֵדֶן אוּן עֶס וֶועט דָארְט שְׁטֶענְדִיג זַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "כְּבוֹד הַבַּעַל" פוּן

## כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין,
אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב
עִיר הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# מְכַבֵּד זַיין דֶעם מַאן

## א

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי (מִשְׁלֵי יד א): "חָכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶּהֶרְסֶנּוּ" - דִי קְלוּגְשַׁאפְט פוּן אַ פְרוֹי קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דָאס הוֹיז, אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי וֶועט מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט צוּבְּרֶעכְן אִיר שְׁטוּב.

דִי פְרוֹי הָאט דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִין אִירֶע הֶענְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת פַאר אַ פְרוֹי, מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען זִי אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אִיר מַאן צוּם גוּטְן. אוּן וֶוען זִי הָאט נִישְׁט דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל קֶען זִיךְ חַס

וְשָׁלוֹם אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אִיר מַאן צוּם שְׁלֶעכְטְן אוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט צוּבְּרֶעכְן אִיר שְׁטוּבּ.

מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען דִי פְּרוֹי מַאכְן אַז דֶער מַאן זָאל אִיר לִיבּ הָאבְּן אוּן עֶר זָאל נָאר וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין אִינְדֶערְהֵיים. וֶוען זִי רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין, זִי נֶעמְט אִים שֵׁיין אוֹיף, זִי רֶעדְט מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט אוּן זִי בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ רוּאִיגֶע שְׁטִימוּנְג אִינְדֶערְהֵיים, דַאן וֶועט דֶער מַאן אִיר לִיבּ הָאבְּן אוּן עֶר וֶועט נָאר וֶועלְן אַהֵיים קוּמֶען, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אִינְדֶערְהֵיים וַוארְט אִים אָפּ אַ גֶעשְׁמַאקֶע וַוארִימֶע שְׁטוּבּ.

אוֹיבּ אָבֶּער דִי פְּרוֹי בַּאנַארִישְׁט זִיךְ, זִי שְׁרֵייט אוֹיף אִיר מַאן, זִי קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִים, זִי בְּרֶענְגְט אַרַיין אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶעם שְׁטִימוּנְג אִינְדֶערְהֵיים, דַאן וֶועט דֶער מַאן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶועלְן אַהֵיים קוּמֶען, עֶר וֶועט זִיךְ נָאר פְּרוּבִּירְן אַרוֹיס צוּ דְרֵייעֶן אוּן טְרֶעפְן אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער וואוּ צוּ גֵיין. וֶוער ווִיל דֶען אַרַיינְגֵיין אִין אַ גֵיהִנוֹם? אוֹיבּ דֶער מַאן שְׁפִּירְט אַז בַּיי

אִים אִינְדֶערְהֵיים אִיז דָא דֶער גֵיהִנוֹם, וֶועט עֶר נִישְׁט וֶועלְן אַהֵיים גֵיין.

דֶערִיבֶּער וֶועט אַ קְלוּגֶע פְּרוֹי טוּן אַלֶעס וָואס זִי קֶען אַז אִיר הוֹיז זָאל זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע פְּלַאץ, עֶס זָאל זַיין אַ רוּאִיגֶע פְּלַאץ, אוּן דַאן וֶועט זִי זֶען אַז אִיר מַאן וֶועט אִיר לִיבּ הָאבְּן אוּן עֶר וֶועט נָאר וֶועלְן אַהֵיימְקוּמֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אִיר.

## ב

אַ פְּרוֹי וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, דַארְף שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן חֶסֶד אַז עֶר הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַאן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס קֶען אוֹיסְזֶען אַז זִי אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע מַאן, דַארְף זִי גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס וֶוענְדְט זִיךְ שׁוֹין אִין אִיר אַלֵיין. יֶעדֶע פְּרוֹי

הָאט דִי כּוֹחוֹת צוּ מַאכְן דֶעם מַאן פַאר אַ גוּטֶער מַאן, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם פַארְקֶערְט.

דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז ז): אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ יָארְן אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמוּזְט גֶטְ'ן לֹא עָלֵינוּ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער מַאן גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ פְּרוֹי וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ, אוּן זִי הָאט אִים אוֹיךְ אַרָאפְּגֶעפִירְט פוּן וֶועג. אוּן דִי פְּרוֹי אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ נִישְׁט עֶרְלִיכְן מַאן, אָבֶּער זִי הָאט אִים יָא גֶעמַאכְט פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אוּן דֶער מֶדְרָשׁ פִירְט אוֹיס: "זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי פְּרוֹי".

וֶוען אַ פְּרוֹי וֵוייסְט וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן אִירֶע כּוֹחוֹת, דַאן אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואסֶערֶע סָארְט מַאן זִי הָאט בַּאקוּמֶען, נִישְׁט קַיין חִילוּק

ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אוּן ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף, אֲפִילוּ עֶר זָאל הָאבְּן גָאר שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, קֶען זִי אִים אֵייבִּיג אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן, זִי קֶען אִים שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס אוּן אִים מַאכְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דַאן וֶועט זִי הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם.

וֶוען אַ פְרוֹי זֶעט אַז אִיר מַאן פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר טוּט נַארִישֶׁע זַאכְן, אוּן זִי ווִיל אִים טוֹישְׁן, זִי ווִיל אִים מַאכְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, דַאן הָאט זִי צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי זִי קֶען עֶס טוּן. פוּן אֵיין זַייט קֶען זִי אִים אָנְהוֹיבְּן אָנְצוּשְׁרֵייעֶן אוּן פַארְשֶׁעמֶען אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר טוֹיג נִישְׁט צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן עֶר טוּט נָאר נַארִישְׁקֵייטְן.

וָואס וֶועט אָבֶּער דֶעמָאלְט גֶעשֶׁען? דִי נַאטוּר פוּן אַ מַאן אִיז אַז עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַרַיין, עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט אַז דִי פְרוֹי טֵיילְט אִים אַיין

וָואס צוּ טוּן. אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ וָואס זִי מוּסָרְ'ט אִים, עֶס וֶועט נָאר אַזוֹיפִיל אוֹיפְטוּן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִיר, עֶר וֶועט אִיר פַארְשֶׁעמֶען, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן אִין שְׁטוּב. עֶס וֶועט נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין שׁוּם גוּטְס דֶערְפוּן.

וֶוען דִי פְּרוֹי הָאט אָבֶּער דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל, וֶועט זִי עֶס טוּן אוֹיף אַ בֶּעסֶערֶע וֶועג, זִי וֶועט פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף דִי גוּטֶע טֵיילְן וָואס עֶר הָאט, זִי וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט אוּן אוֹיף דִי קְלוּגֶע זַאכְן וָואס עֶר זָאגְט, אוּן דָאס וֶועט זִי שְׁטַארְק אוֹיסְלוֹיבְּן. זִי וֶועט אֵייבִּיג אוֹיפְזוּכְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶפֶּעס אַ מַעְלָה וָואס עֶר הָאט, אוּן פוּן דֶעם וֶועט זִי רֶעדְן, אוּן מִיט דֶעם וֶועט זִי אִים אַרוֹיף קוּקְן.

אוּן דַאן וֶוען דֶער מַאן וֶועט שְׁפִּירְן אַז דִי פְּרוֹי הָאט אִים אֶמֶת'דִיג לִיבּ, זִי קוּקְט אִים

אַרוֹיף אוּן זִי הַאלְט שְׁטַארְק פוּן אִים, וֶועט עֶר זִיךְ בַּארוּאִיגְן, עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶס אִיז דָא כָאטְשׁ אֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט אִים אוּן אִיז אוֹיף זַיין זַייט. דָאס וֶועט מַאכְן אַז עֶר זָאל אִיר אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ וֶועלְן הֶערְן וָואס זִי הָאט צוּ זָאגְן, עֶר וֶועט וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן אוּן פָּאלְגְן אִירֶע עֵצוֹת, וַוייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז זִי הָאט אִים לִיבּ אוּן זִי מֵיינְט נָאר זַיין טוֹבָה.

אוּן וֶוען זִי ווִיל אִים זָאגְן עֶפֶּעס צוּ טוּן, זָאל זִי עֶס אִים זָאגְן אוֹיף אַ וֶועג אַזוֹי ווִי זִי גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע עֵצָה. נִישְׁט אוֹיף אַ וֶועג אַז זִי קְרִיטִיקִירְט אִים אַז עֶר טוּט נִישְׁט גוּט, נָאר אַז עֶס וָואלְט גֶעוֶוען בֶּעסֶער וֶוען עֶר טוּט וֶוען אַזוֹי אוּן אַזוֹי. אוּן דַאן וֶועט דֶער מַאן עֶס עֶנְדֶערְשׁ אָנְנֶעמֶען אוּן פָּאלְגְן.

אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט דִי פְּרוֹי קֶענֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אִיר מַאן צוּם גוּטְן. וֶוען זִי הָאט אִים שׁוֹין גֶעגֶעבְּן גֶענוּג לִיבְּשַׁאפְט, זִי הָאט

אִים גֶעווִיזְן אַז זִי קוּקְט אִים אַרוֹיף אוּן זִי הַאלְט פוּן אִים, דַאן קֶען זִי אִים זָאגְן מִיט וָואס זִי הַאלְט אַז עֶר קֶען זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִיר שׂוֹין וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן אוּן עֶר וֶועט זִיךְ טַאקֶע פַארְבֶּעסֶערְן.

אַז דֶער מַאן וֶועט שְׁפִּירְן אַז זַיין פְּרוֹי הַאלְט אִים פַאר אַ קֶענִיג, זִי קוּקְט אִים אַרוֹיף וְוִי אַ קֶענִיג. דַאן וֶועט עֶר אִיר אוֹיךְ הַאלְטְן פַאר אַ קֶענִיגְן, עֶר וֶועט אִיר לִיבּ הָאבְּן אוּן אוֹיסְהֶערְן וָואס זִי הָאט צוּ זָאגְן.

## ג

פוּן דִי גָאר וִויכְטִיגְסְטֶע צַייטְן אִין טָאג, וֶוען דִי פְּרוֹי דַארְף זִיךְ דִי מֶערְסְטֶע קָאנְצֶעטְרִירְן אוּן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ דַאן אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט אִיר מַאן, אִיז דִי צַייט וֶוען דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים בַּיינַאכְט פוּן דִי אַרְבֶּעט. דֶעמָאלְט אִיז

די צַייט וָואס דֶער שָׁלוֹם בַּיִת און דֶער גוֹרָל פוּנֶעם גַאנְצְן הוֹיז לִיגְט אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל.

דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אַרְבֶּעט, דִי פְרוֹי קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וויסְן ווִי שְׁוֶוער סְ'אִיז גֶעוֶוען הַיינְט זַיין טָאג, זִי וֵוייסְט נִישְׁט וויפִיל צָרוֹת עֶר הָאט גֶעלִיטְן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט פוּן זַיין בַּעַל הַבַּיִת אָדֶער פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ שְׁוֶוער הַארְץ אָנְגֶעפוּלְט מִיט צַעַר און וֵוייטָאג.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט דִי פְרוֹי אוֹיךְ נִישְׁט גֶעלֶעקְט קַיין הָאנִיג בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט דִי קִינְדֶער און מִיט דִי הוֹיז וִוירְטְשַׁאפְט, זִי הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט צוּ טוּן מִיט מֶענְטְשְׁן, צוּ מִיט שְׁכֵנִים צוּ מִיט קְרוֹבִים אָדֶער מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן אִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט און מְצַעֵר גֶעוֶוען.

יֶעצְט וֶוען דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים אוּן טְרֶעפְט זִיךְ מִיט זַיין וַוייבּ, ווִילְן בֵּיידֶע נָאר זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זֵייעֶר גַאנְצֶע פֶּעקְל צָרוֹת אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, בֵּיידֶע ווִילְן זִיךְ נָאר אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ אוּן דֶערְצֵיילְן זֵייעֶרֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער אִין דֶעם טָאג.

אוּן דַאן לִיגְט דֶער גוֹרָל אִין דִי הַאנְט פוּן דִי פְרוֹי. זִי קֶען אוֹיפְנֶעמֶען אִיר מַאן אוּן אִים גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אַלֶע אִירֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן צָרוֹת וָואס זִי הָאט צוּזַאם גֶעלִיטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג. וָואס וֶועט אָבֶער דֶעמָאלְט גֶעשֶׁען? דֶער מַאן וֶועט טְרַאכְטְן "נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם גַאנְצְן טָאג, דַארְף זִי מִיר נָאךְ יֶעצְט צוּגִיסְן זַאלְץ אוֹיף דִי ווּאוּנְדֶען". אוּן דָאס וֶועט אִים נָאךְ מַאכְן מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן עֶר וֶועט אוֹיסְלָאזְן זַיין גַאנְצֶע כַּעַס אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוֹיף אִיר, עֶר וֶועט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן אוּן אִיר נָאר

פַארְשֶׁעמֶען, און עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזְן מִיט אַ קַאטַאסְטְרָאפֶע.

אָבֶער וֶוען דִי פְּרוֹי אִיז קְלוּג, וֶועט זִי זִיךְ אַיינְהַאלְטְן פַאר נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט, וֶוען דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים וֶועט זִי אָנְשְׁטֶעלְן אַ פָּנִים אַזוֹי ווִי זִי וָואלְט גֶעהַאט הַיינְט זַייעֶר אַ גוּטְן טָאג, זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעמֶען דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג. זִי וֶועט אִים אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ שֵׁיינֶעם שְׁמֵייכְל און אִים אוֹיסְפְרֶעגְן ווִי אַזוֹי זַיין טָאג אִיז אַרִיבֶּער, און דַאן וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ און דֶערְצֵיילְן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ טוּן מִיט דֶעם און מִיט יֶענֶעם, און זִי וֶועט אִים נָאר מְחַזֵק זַיין און אִים גֶעבְּן גֶערֶעכְט, זִי וֶועט אִים מַאכְן גוּט פִילְן. און דַאן וֶועט עֶר זִיךְ בַּארוּאִיגְן, עֶר וֶועט קוּמֶען צוּ זִיךְ, און נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ און עֶר וֶועט קֶענֶען אוֹיסְהֶערְן וָואס זִי הָאט צוּ דֶערְצֵיילְן, און דַאן וֶועט עֶר

אִיר שׂוֹין קֶענֶען פַּארְשְׁטֵיין און אִיר שְׁטַארְקְן מִיט אִירֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן.

קוּמְט אוֹיס אַז מִיט דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס אַ קְלוּגֶע פְרוֹי הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן, הָאט זִי מִיט דֶעם גֶערַאטֶעוֶועט אִיר שְׁטוּב, און עֶס פַּארְוַואנְדְלְט אִין אַ גֶעשְׁמַאקֶע הוֹיז, צוּ וואוּ דֶער מַאן וֶועט הָאבְּן חֵשֶׁק אַהֵיים צוּ קוּמֶען.

אִין דִי צַייט וֶוען דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים, דַארְף דִי פְרוֹי זֶען אַז זִי זָאל זַיין פַּארְנוּמֶען נָאר מִיר אִים, זִי זָאל דֶעמָאלְט אָפְּלָאזְן יֶעדְן אֵיינֶעם, נִישְׁט רֶעדְן דֶעמָאלְט מִיט קְרוֹבִים אָדֶער שְׁכֵנִים, נָאר זִי זָאל אָפְּוַוארְטְן דֶעם מַאן און אוֹיפְנֶעמֶען שֵׁיין מִיט אַ בְּרֵייטְן שְׁמֵייכְל, און אִים וַוייזְן אַז יֶעצְט אִיז זִי אִינְגַאנְצְן נָאר מִיט אִים, זִי הָאט יֶעצְט נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע דַאֲגוֹת, נָאר צוּ הֶערְן וָואס דֶער מַאן הָאט צוּ דֶערְצֵיילְן, און אִים גֶעבְּן דָאס גַאנְצֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

# ד

עֶס אִיז דָא אַ תַּאֲוָה בַּיי אַסַאךְ פְּרוֹיעֶן אַז זַיי ווִילְן עֶנְדֶערְשׁ גֵיין עֶסְן מִיטְ'ן מַאן אִין אַ רֶעסְטוּרַאנְט אָדֶער בַּיי אַ צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט עֶסְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים. דָאס קֶען אֶפְשָׁר אוֹיסְקוּקְן זֵייעֶר גוּט, אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ עֶסְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים צוּזַאמֶען.

וֶוען אַ פָּאר-פָּאלְק עֶסְן אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים, בְּרֶענְגְט דָאס אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְשַׁאפְט צְווִישְׁן זַיי, זַיי קֶענֶען פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם אוּן וֶוערְן נָאנְט אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערְן. דָאס אַרוֹיסְגֵיין עֶסְן אִינְדְרוֹיסְן בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין גוּטְס. מֶען אִיז צְווִישְׁן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען הָאט נִישְׁט דִי פְּרִיוַואטְקֵייט צוּ זֶען נָאר אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאר פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען דִי פְּרוֹי קָאכְט אַלֵיינְס דָאס עֶסְן, זִי פְּרוּבִּירְט צוּצוּשְׁטֶעלְן דִי סָארְט

עֶסְן וָואס אִיר מַאן הָאט לִיבּ, הָאט דָאס אַ שְׁטַארְקֶע חֲשִׁיבוּת בַּיים מַאן, עֶר קוּקְט דָאס זַייעֶר אַרוֹיף אוּן עֶר קֶען זִיךְ דֶערְנָאךְ בַּארִימֶען אַז עֶר הָאט אַזַא גֶעלוּנְגֶענֶע וַוייבּ וָואס קֶען אַזוֹי גוּט קָאכְן אוּן בַּאקְן.

דֶערִיבֶּער זָאל אַ פְרוֹי זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ קָאכְן אַלֵיין, אוּן צוּ עֶסְן אַלֵיין מִיטְ'ן מַאן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דָאס וֶועט גָאר שְׁטַארְק אַרוֹיסְהֶעלְפְן פַאר דִי שָׁלוֹם בַּיִת.

אוֹיסֶער דֶעם הָאט דָאס נָאךְ אַ מַעֲלָה אַז דִי כַּשְׁרוּת אִיז אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע סְטַאנְדַארְט. אַ פְרוֹי דַארְף וִויסְן אַז אוֹיף אִיר לִיגְט אַ גֶעווַאלְדִיגֶע אַחְרַיוּת צוּ הָאבְן אַ כָּשֵׁר'ע קָאךְ, אַז אַלֶעס וָואס מֶען עֶסְט בַּיי אִיר אִינְדֶערְהֵיים זָאל זַיין בְּתַכְלִית הַכַּשְׁרוּת. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף זִי זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן אַז אַלֶעס וָואס זִי קָאכְט זָאל זַיין אוֹיפְ'ן הֶעכְסְטְן סְטַאנְדַארְט אִין כַּשְׁרוּת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט, גֵייט דָאס עֶסְן אַרַיין אִין זַיין בְּלוּט. אוּן וֶוען עֶר עֶסְט נָאר כָּשֵׁר'ע

עֶסְן, אֵיידְלְט אִים דָאס אוֹיס, אוּן מַאכְט אִים פַּאר אַ רוּאִיגֶער אוּן סָאלִידֶער מֶענְטְשׁ. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג וָואס מֶען עֶסְט, אוּן דָאס עֶסְן אִיז חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט כָּשֵׁר, גֵייט דָאס אַרַיין אִין דִי בְּלוּט אוּן דָאס מַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּר פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר וֶוערְט אַ גֶערֶעגְטֶער אוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ.

דֶערִיבֶּער, וֶוען אַ פְרוֹי מַאכְט אָפּ אַז זִי וֶועט עֶסְן נָאר אִינְדֶערְהֵיים מִיט אִיר מַאן, אוּן זִי וֶועט פְּרוּבִּירְן אַלֵיינְס צוּ קָאכְן דָאס עֶסְן, וֶועט דָאס גָאר שְׁטַארְק אַרוֹיסְהֶעלְפְן זֵייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דָאס וֶועט זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוֹיף אַסַאךְ וֶועגְן.

## ה

חַזַ"ל זָאגְן (נִדָּה מה): "הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נָתַן בִּינָה יְתֵירָה בָּאִשָּׁה יוֹתֵר מִבָּאִישׁ" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַּאר אַ פְרוֹי מֶער

קְלוּגְשַׁאפְט ווִי פַאר אַ מַאן. און דֶעריבֶּער דַארְף די פְרוֹי זֶען אוֹיסְנוּצְן די סְפֶּעצִיעֶלֶע קְלוּגְשַׁאפְט וָואס זִי הָאט, זִי זָאל דָאס נוּצְן אוֹיף אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה אִין אִיר הוֹיז, זִי זָאל דָאס נוּצְן צוּ מַאכְן אִיר הוֹיז פַאר אַ גַן עֵדֶן.

גֶעוֶוּענְלִיךְ אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז דֶער מַאן דַארְף זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּ גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר די פְרוֹי. די פְרוֹי וַוארְט גֶעוֶוּענְלִיךְ אַז דֶער מַאן זָאל זַיין דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן אִיר מְכַבֵּד צוּ זַיין, און זִי קְלֶערְט אַז נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין, עֶר וֶועט זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער זִיךְ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר אִיר און אִיר הֶעלְפְן, דַאן וֶועט זִי אִים אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן און אִים אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין.

וֶוען אַ פְרוֹי נוּצְט אָבֶּער אוֹיס אִיר סְפֶּעצִיעֶלֶע קְלוּגְשַׁאפְט, וֶועט זִי בִּשְׁט וַוארְטְן אַז דֶער מַאן זָאל אָנְהוֹיבְּן, נָאר פַארְקֶערְט, זִי וֶועט זַיין די עֶרְשְׁטֶע אָנְצוּהוֹיבְּן צוּ גֶעבְּן פַארְ'ן מַאן לִיבְּשַׁאפְט, זִי וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן

פַּאר אִים, אִים אַרוֹיפְצוּקוּקְן אוּן אִים צוּ גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

דֶער פַּאקְט אִיז אַז אוֹיבּ דִי פְּרוֹי טוּט אַזוֹי, וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג אוּן זִי וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן אִים טָאפְּלְט אוּן טְרִיפְּלְט. חַזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ב): "דַּרְכּוֹ שֶׁל אִישׁ לְחַזֵּר אַחַר אִשָּׁה" - דֶער סֵדֶר פוּן אַ מַאן אִיז צוּ גֵיין נָאךְ דִי פְּרוֹי. דֶער מַאן וֶועט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן פַּאר אִיר, עֶר וֶועט אִיר גֶעבְּן אַלֶעס וָואס זִי דַארְף, דִי פְּרוֹי וֶועט אַלֶעס קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן בַּיי אִים, נָאכְדֶעם וָואס זִי הָאט אִים קוֹדֶם אַרוֹיסְגֶעוִויזְן לִיבְּשַׁאפְט אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט.

ז

די נַאטוּר פוּן אַ מַאן אִיז אַז עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען שְׁרֵייט אוֹיף אִים אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַרַיין. דֶערִיבֶּער

דַארְף זִיךְ אַ פְּרוֹי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּ אִיר מַאן מִיט אַ רוּאִיגֶע גֶעמִיט, מִיט אַ וֵוייכֶע קוֹל, אוּן נִישְׁט מִיט אַ נֶערְוֶועזְקֵייט אוּן גֶערֶעגְטְקֵייט. אוֹיב וֶועט דִי פְּרוֹי שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִיר מַאן, וֶועט זִי גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן מִיט דֶעם, עֶר וֶועט נִישְׁט צוּהֶערְן וָואס זִי זָאגְט, עֶר וֶועט זִיךְ נָאר אוֹיפְרֶעגְן אוּן צוּרִיק שְׁרֵייעֶן, אוּן עֶס קֶען נָאךְ גֵיין וַוייטֶער אַז עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שֶׁעלְטְן, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם נָאךְ וַוייטֶער, בִּיז אוֹיפְהוֹיבְּן הֶענְט.

אַלֶע גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערֵייעֶן הוֹיבְּן זִיךְ אָן מִיט זֵייעֶר קְלֵיינֶע זַאכְן. עֶס קֶען זִיךְ אָנְהוֹיבְּן בְּלוֹיז מִיט אֵיינְמָאל וָואס דִי פְּרוֹי הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִיר מַאן, אוּן עֶר שְׁרֵייט צוּרִיק, אוּן אַזוֹי וֶוערְט עֶס עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער בִּיז מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן פַּיינְט צוּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען ווִיל נָאר אַנְטְלוֹיפְן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֵיינִיקַייטְן, וַוייל מֶען

קֶען נִישְׁט ווִיסְן ווִי גְרוֹיס דִי קְלֵיינִיקַייטְן קֶענֶען וֶוערְן.

אֲפִילוּ וֶוען דֶער מַאן אִיז גֶערֶעגְט אוּן עֶר שְׁרַייט אוּן ווִילְדֶעוֶועט, עֶר רֶעדְט אוּן פַארְפִירְט קֶעגְן אִיר אוּן קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן. דַארְף דִי פְרוֹי הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן נִישְׁט צוּרִיק שְׁרַייעֶן. אוֹיבּ וֶועט זִי אוֹיסְהַאלְטְן דִי צַעַר אוּן נִישְׁט צוּרִיק שְׁרַייעֶן, וֶועט זַיין כַּעַס דוּרְכְגֵיין, אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט וֶועט עֶר זִיךְ בַּארוּאִיגְן אוּן חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן. אוֹיבּ אָבֶּער דִי פְרוֹי וֶועט יָא צוּרִיק שְׁרַייעֶן וֶועט נָאר וֶוערְן עֶרְגֶער דֶער מַצָּב.

זִי זָאל אִים נָאר זָאגְן מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט: "מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, דוּ וֵייסְט דָאךְ אַז אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, דוּ וֵייסְט דָאךְ ווִי שְׁטַארְק אִיךְ שֶׁעץ דִיךְ אוּן אִיךְ קוּק דִיר אַרוֹיף. פַארְוָואס טוּסְטוּ דָאס צוּ מִיר? פַארְוָואס שְׁרֵייסְטוּ מִיר אָן אַזוֹי שְׁטַארְק? פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ אוֹיף מַיינֶע עֶלְטֶערְן? דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי".

מִיט דֶעם וָואס דִי פְּרוֹי וֶועט רֶעדְן אַזוֹי מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט צוּם מַאן, זִי וֶועט זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן נִישְׁט צוּרִיק שְׁרֵייעֶן, וֶועט עֶר זִיךְ שְׁנֶעל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אוּן עֶר וֶועט אִיר נָאךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן. חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה י״ז): אַז אַזוֹי ווִי אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן עֶרְד, אִיז דֶער מַאן אַזוֹי ווִי דִי עֶרְד, אוּן אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען גִיסְט וַואסֶער אוֹיף עֶרְד וֶוערְט עֶס וֵוייךְ, דִי זֶעלְבֶּע וֶוען מֶען גִיסְט גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיפְ'ן מַאן, מֶען רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין אוּן רוּאִיג אוּן מֶען קוּקְט אִים אַרוֹיף, וֶוערְט עֶר שְׁנֶעל וֵוייךְ, עֶר פַארְגֶעסְט פוּן זַיין כַּעַס אוּן עֶר בַּארוּאִיגְט זִיךְ.

אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אַזוֹי ווִי דִי פְּרוֹי שְׁפִּירְט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעטְשֶׁעפֶּעט וֶוען דֶער מַאן רֶעדְט אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן, דִי זֶעלְבֶּע שְׁטֶערְט עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְ'ן מַאן וֶוען דִי פְּרוֹי רֶעדְט אוֹיף זַיינֶע עֶלְטֶערְן. דֶערִיבֶּער דַארְף אַ פְּרוֹי אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז זִי זָאל קֵיינְמָאל

נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן אִיר מַאנְ׳ס עֶלְטֶערְן וֶוען אִיר מַאן הֶערְט.

אוֹיבּ שְׁפִּירְט דִי פְרוֹי אַז אִיר מַאנְ׳ס עֶלְטֶערְן זֶענֶען אִיר זֵייעֶר מְצַעֵר אוּן זִי קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, דַאן זָאל זִי פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן צוּ גֵיין צוּ זֵיי, אָבֶער נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִיר מַאן קֶעגְן זֵיי. שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי בָּאנְטְשַׁאפְט פוּן דִי מַאן אוּן וַוייבּ אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁטַארְק, קֶען זִי אִים זָאגְן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אִיר מְצַעֵר אוּן זִי ווִיל נִישְׁט גֵיין צוּ זֵיי, אָבֶער נִישְׁט סְתַּם צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וַוייל דָאס טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי.

## ז

עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז דֶער מַאן אִיז גֶעדְרוּקְט אִין גֶעלְט, דִי פַּרְנָסָה גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג אוּן גוּט, עֶר קֶען נִישְׁט אַהֵיים

בְּרֶענְגֶען גֶענוּג גֶעלְט, אוּן אַמָאל אִיז עֶר נָאךְ אוֹיךְ פַּארְזִינְקֶען אִין חוֹבוֹת.

אִין אַזַא צַייט דַארְף דִי פְּרוּי הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן פָּארְהַאלְטְן דֶעם מַאן פַּארְוָואס עֶר בְּרֶענְגְט נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט. אֲפִילוּ וֶוען זִי אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגֶעווִיזְן אוֹיף דִי גֶעלְט, זִי שְׁפִּירְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעדְרוּקְט אַז זִי הָאט נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט פַאר דִי טָאג טֶעגְלִיכֶע גֶעבְּרוֹיכְן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאל זִי אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען, זִי זָאל אִים נִישְׁט נֶעמֶען אוֹיפְּ'ן צִימְבְּל אוֹיסְצוּפְרֶעגְן אוּן אוֹיסְפָּארְשְׁן פַּארְוָואס עֶר מַאכְט נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט.

דֶער מַאן אִיז גֶענוּג פַּארְבִּיטֶערְט פַאר זִיךְ אַלֵיין פַּארְוָואס עֶר קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען גֶעלְט, עֶס טוּט אִים אַלֵיין זֵייעֶר וֵויי, אוּן עֶר שֶׁעמְט זִיךְ צוּ קוּקְן זַיין וַוייבּ אִין פָּנִים, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוּלְדִיג פַאר אִיר. אוּן מִיט דֶעם וָואס זִי וֶועט אִים מוּטְשֶׁען אוּן בֶּעטְן דִי גַאנְצֶע צַייט, וֶועט זִי גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן. וָואס

װעט הֶעלְפְן דָאס בֶּעטְן, אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט פוּן וואוּ צוּ בְּרֶענְגֶען? דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס דָאס װעט אוֹיפְטוּן אִיז נָאר אַז עֶס װעט מַאכְן נָאךְ מֶער פְּרָאבְּלֶעמֶען.

קוֹדֶם װעט עֶר װערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף אִיר פַאְרוָואס זִי טְשֶׁעפֶּעט אִים. דָאס סֶעקִירְן דֶעם מַאן װען עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט, טוּט אִים מוֹרָא'דִיג וויי, אוּן עֶר װעט דָאס גֶעדֶענְקֶען אוֹיף אֵייבִּיג, אֲפִילוּ יָארְן שְׁפֶּעטֶער װען זֵיי װעלְן שׁוֹין יָא הָאבְּן גֶעלְט. אוּן נָאכְדֶעם װעט דָאס אִים נָאר שְׁטֶערְן פוּן מַאכְן נָאךְ גֶעלְט, וַוייל אֵיינְמָאל עֶר װעט װערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט פוּן דֶעם, װעט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם קָאפּ זִיךְ אַרַיינְצוּלֵייגְן בֶּעסֶער אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן מֶער מַצְלִיחַ זַיין. אוּן אוֹיבּ װעט עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּרֵירָה אוּן עֶר װעט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין צְוֵייפְלְהַאפְטִיגֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן מִיט דֶעם זִיךְ פַּארְטְשֶׁעפֶּענֶען מִיטְ'ן גֶעזֶעץ, װעט דֶער מַצָּב נָאר זַיין אַסַאךְ עֶרְגֶער.

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז נָאר אַז זִי זָאל מְחַזֵק זַיין דֶעם מַאן אוּן אִים שְׁטַארְקְן אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטֶע צַייטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זַיי זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע. מִיט דֶעם וָואס זִי שְׁטַארְקְט אִים אוּן אִיז אִים מְחַזֵק, בְּלָאזְט זִי אַרַיין אִין אִים אַ נֵייעֶ הָאפֶענוּנְג, אוּן דָאס וֶועט אִים גֶעבְּן פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת אַז עֶר זָאל טַאקֶע קֶען מֶער מַצְלִיחַ זַיין אוּן פַארְדִינֶען מֶער גֶעלְט.

אַז מֶען לַיידְט אַבִּיסְל, וֶועט מֶען נָאכְדֶעם נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַסַאךְ. אַז דִי פְרוֹי וֶועט לַיידְן אַבִּיסְל פוּן דִי גֶעלְט מַאנְגְל אוּן שְׁוַוייגְן אוּן אוֹיסְהַאלְטְן בִּיז דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן גֵייעֶן דוּרְךְ, וֶועט זִיךְ דֶער רֶעדְל גֶעבְּן אַ דְרֵייא צוּם גוּטְן, אוּן זֵיי וֶועלְן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

# ח

אַ פְּרוֹי דַארְף שְׁטֶענְדִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ צוּ הַאלְטְן שֵׁיין, רֵיין און צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַז זִי זָאל גֶעפֶּעלְן אִין אִיר מַאנְ׳ס אוֹיגְן. זִי דַארְף זִיךְ אָנְטוּן שֵׁיין און זִיךְ שֵׁיין מַאכְן און אַרוּם גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ׳ן פָּנִים, אַזוֹי אַז אִיר מַאן זָאל אִיר לִיבּ הָאבְּן און טְרַאכְטְן נָאר פוּן אִיר. אֲפִילוּ וֶוען זִי הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט זִיךְ צוּ קֶענֶען קוֹיפְן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, דַארְף זִי כָאטְשׁ זֶען אַז סַיי וָואס זִי טוּט אָן, זָאל זַיין שֵׁיין רֵיין און צוּזַאמְגֶענוּמֶען.

אַ מַאן הָאט לִיבּ וֶוען זַיין פְּרוֹי אִיז שֵׁיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען, דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל אִיר רֶעסְפֶּעקְטִירְן, עֶר זָאל אִיר לִיבּ הָאבְּן און אִיר אַרוֹיפְקוּקְן. און פַארְקֶערְט וֶוען דִי פְּרוֹי גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיף זִיךְ, און זִי גֵייט אַרוּם נָאכְגֶעלָאזְט, וֶועט דָאס אִיר פַארְ׳מִיאוּסְ׳ן אִין אִיר מַאנְ׳ס אוֹיגְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אוּן ווִיסְן אַז דֶער הַיינְטִיגֶער דוֹר אִיז לֵיידֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן, דִי פְּרִיצוּת אוֹיפְ'ן גַאס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן מֶען קֶען לֵיידֶער זֵייעֶר שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג דוּרְכְפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת. דֶערִיבֶּער דַארְף דִי פְּרוֹי זַיין קְלוּג אוּן זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַארְ'ן מַאן, זִי דַארְף זֶען צוּ זַיין אֵייבִּיג גְרֵייט פַארְ'ן מַאן, אוּן אַז דֶער מַאן וֶועט זֶען אַז זַיין וַוייבּ אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים אוּן אִיז אַלֶעמָאל גְרֵייט פַאר אִים, וֶועט דָאס אִים אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.): אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׂכַר פַאר דִי פְּרוֹיעֶן ווִי פַאר דִי מֶענֶער, וַוייל דִי פְּרוֹיעֶן וַוארְטְן אָפּ דִי מֶענֶער אוּן רַאטֶעוֶועןן זֵיי פוּן עֲבֵירוֹת. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שְׂכַר פוּן אַ פְּרוֹי וָואס הֶעלְפְט אַרוֹיס אִיר מַאן אִים צוּ רַאטֶעוֶועןן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. חַזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין ק): אַז אַ פְּרוֹי וָואס אִיז אַלֶעמָאל גְרֵייט פַאר אִיר מַאן,

וֶועט זִי הָאבְּן אַזֶעלְכֶע וואוֹילֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אֲפִילוּ נִשְׁט גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ. מִיט דֶעם וָואס אַ פְּרוֹי שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ צוּ אִיר מַאן אוּן אִיז אַלֶעמָאל גְרֵייט פַאר אִים, אוֹיסֶער דִי גְרוֹיסֶע שְׂכַר וָואס זִי וֶועט בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם, וֶועט דָאס אִיר אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, וֶוען אִיר מַאן וֶועט שְׁפִּירְן אַז זִי אִיז גְרֵייט פַאר אִים, וֶועט עֶר אוֹיךְ זַיין גְרֵייט צוּ טוּן פַאר אִיר וָואס זִי וִויל.

לֵיידֶער זֶענֶען דָא נַארִישֶׁע פְרוֹיעֶן וֶועלְכֶע פְּרוּבִּירְן אַיינְצוּרֶעדְן אַז אַ פְּרוֹי וָואס וִויל זַיין מֶער הֵיילִיג אוּן חָשׁוּב זָאל זִי זַיין מֶער אָפְּגֶעטֵיילְט, זִי זָאל זִיךְ נִשְׁט אֵייבִּיג צוּשְׁטֶעלְן צוּם מַאנְ׳ס פַארְלַאנְגֶען, דָאס אִיז אָבֶער זֵייעֶר נַארִישׁ, דִי הֵיילִיגֶע חַזַ״ל הָאבְּן בֶּעסֶער פַארְשְׁטַאנֶען, חַזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה כ.): ״אִשָּׁה פְּרוּשָׁה, מִמַּחֲרִיבֵי וּמְבַלֵּי הָעוֹלָם״ - אַ פְּרוֹי וָואס שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ אוּן וִויל זִיךְ נִשְׁט צוּשְׁטֶעלְן צוּם מַאן,

מִיט דִי אַייגְעֶרעדֶענִישׁ אַז מֶען דַארְף זַיין מֶער הֵיילִיג, דִי פְּרוֹיעֶן מַאכְן חָרוּב דִי וֶועלְט.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי זִיךְ יָא צוּשְׁטֶעלְן צוּ אִיר מַאן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת, אוּן זִי וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

## ט

דֶער עִיקָר דַארְף אַ פְּרוֹי אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אַז אִיר מַאן זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אוּן אַז עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה בַּיי אִיר אִינְדֶערְהֵיים. וָואס תְּפִלָּה קֶען פּוֹעֶלְ'ן קֶען קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט נִישְׁט פּוֹעֶלְ'ן.

אַ פְּרוֹי דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִיר מַאמֶע-לָשׁוֹן, אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס זִי אִיז צוּגֶעוואוֹינְט. יֶעדֶע וָוארְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט

אָנְגֶעגוּמֶען און עֶס טוּט אוֹיף גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן. און סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ פְּרוֹי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ פְּרוֹי הָאט אַ וֵוייכֶע נַאטוּר, זִי הָאט מֶער אַ צוּבְרָאכְן הַארְץ, און דֶערִיבֶּער וֶוערְן אִירֶע תְּפִלּוֹת נָאךְ שְׁנֶעלֶער אָנְגֶעגוּמֶען.

וֶוען אַ פְּרוֹי וָואלְט גֶעוואוּסְט דִי גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת וָואס זִי הָאט אִין אִיר מוֹיל, וָואלְט זִי נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן און צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס זִי דַארְף. און נָאכְדֶערְצוּ וֶוען זִי צִינְדְט דִי שַׁבָּת-לִיכְט, דֶעמָאלְט אִיז דָא אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵת רָצוֹן, אַלֶע הִימְלֶען זֶענֶען אָפְן פַאר אִיר, און וֶוען אַ פְּרוֹי הָאט שֵׂכֶל וֶועט זִי זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן פוּן דִי לִיכְט, נָאר שְׁטֵיין און בֶּעטְן און בֶּעטְן פַאר אִיר אֵייגֶענֶע הַצְלָחָה, אַז אִיר מַאן זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אַז אִירֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק און מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְן, אַז עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר זַיין שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה אִין אִיר הוֹיז, אַז אִיר הוֹיז זָאל זַיין אַ פְרֵייליךְ הוֹיז, אַז זִי

זָאל הָאבְּן חֵן אִין אִיר מַאנְ׳ס אוֹיגְן, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן, אוּן אַזוֹי זָאל זִי וַוייטֶער בֶּעטְן פַאר אַלֶעס וָואס זִי דַארְף. זִי זָאל נִישְׁט קַארְגְן קַיין וֶוערְטֶער, נָאר גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ אִיר גַאנְצֶע הַצְלָחָה, מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס זִי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען זִי אִיבֶּערְדְרֵייעֶן וֶועלְטְן.

אַז אַ פְּרוֹי וֶועט זִיךְ פִירְן אַזוֹי, זִי וֶועט הָאבְּן סַבְלָנוּת, זִי וֶועט נָאכְגֶעבְּן אוּן מוֹחֵל זַיין פַאר אִיר מַאן, זִי וֶועט שְׁטֶענְדִיג אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי, אוּן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר הוֹיז זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, אַ לִיכְטִיג הוֹיז, מַמָשׁ אַ גַן עֵדֶן. זִי מִיט אִיר פַאמִילְיֶע וֶועלְן אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ, לַאנְגֶע אוּן זִיסֶע לֶעבְּן.

**תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

## קוּנְטְרֵס

# גַּן עֵדֶן

### חֵלֶק ב

מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ

דֶער קוּנְטְרֵס אִיז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹרֵר דֶעם מַאן אַז עֶר זָאל מְכַבֵּד זַיין אוּן שֶׁעצְן זַיין וַוייבּ, אוּן דוּרְךְ דֶעם אַריינְבְּרֶענְגֶען אַ לִיבְּשַׁאפְט אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִין הוֹיז, דִי שָׁלוֹם בַּיִת זָאל זַיין ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועט דִי הוֹיז זַיין ווִי אַ גַן עֵדֶן

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "כְּבוֹד הָאִשָּׁה" פוּן

**כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זי"ע**

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלַאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.


עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעווָארְן צוּם דְרוּק

דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב
עִיר הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

# מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ

## א

חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס"ג.) "אָמַר רֶבִּי אֶלְעָזָר מַאי דִכְתִיב (בְּרֵאשִׁית ב, יח) אֶעֱשֶׂה לוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדוֹ? זָכָה, עוֹזַרְתּוֹ. לֹא זָכָה, כְּנֶגְדוֹ". אוֹיבּ אִיז דֶער מַאן זוֹכֶה, דַאן שְׁטֵייט זַיין וַוייבּ צוּ זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן זִי הֶעלְפְּט אִים אַרוֹיס, אוּן אוֹיבּ אִיז עֶר נִישְׁט זוֹכֶה, דַאן אִיז זִי קֶעגְן אִים.

ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְן אַז עֶר זָאל זַיין פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע קַאטֶעגָארְיֶע, אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אַז זַיין וַוייבּ זָאל אִים נָאר זַיין אַ הִילְף, אוּן נִישְׁט פַארְקֶערְט? צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אוֹיבּ דֶער מַאן הוֹיבְּט אָן קוֹדֶם צוּ הֶעלְפְן

און מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אִיר אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן, עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף אִירֶע מַעֲלוֹת און עֶר שֶׁעצְט אִיר; דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה אַז כַּמַיִם פָּנִים אֶל פָּנִים, וֶועט זִי אִים אוֹיךְ שֶׁעצְן און זִי וֶועט אִים נָאר זַיין אַ הִילְף בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (לֶךְ לְךָ פ"ה:) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אֵיידֶער דִי נְשָׁמוֹת וֶוערְן גֶעבּוֹירְן, זֶענֶען דִי מַאן און וַוייבּ אֵיין נְשָׁמָה; נָאר וֶוען זֵיי קוּמֶען אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט וֶוערְן זֵיי צֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי נְשָׁמוֹת, יֶעדֶער פוּן זֵיי וֶוערְט גֶעבּוֹירְן בַּיי אַן אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחָה. און וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז דִי צְוֵויי הַאלְבֶּע נְשָׁמוֹת טְרֶעפְן זִיךְ צוּזַאם און זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה אִינְאֵיינֶעם, דַאן וֶוערְן זֵיי צוּרִיק ווִי אֵיין גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט דָאס שְׁטֶענְדִיג, דַאן וֶועט עֶר נָאר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן דִי צְוֵוייטֶע

טֵייל פוּן זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר וֶועט אִיר שֶׁעצְן אוּן אַרוֹיפְקוּקְן אוּן שְׁטֵיין צוּ אִיר הַאנְט. אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַז זִי וֶועט אִים אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם.

## ב

חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כ"ב.) "אִשָּׁה אֵינָהּ כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֵּלִי". דִי פְרוֹי הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אִין אִיר לֶעבְּן, זִי הָאט נָאר אִיר מַאן, זִי קוּקְט אוּן זִי וַוארְט אַרוֹיס אַז עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר.

אוֹיבּ הָאט דֶער מַאן שֵׂכֶל אוּן עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר, עֶר שֶׁעצְט אִיר, עֶר הָאט אִיר לִיבּ, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אִיר צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אוּן גוּט שְׁפִּירְן; עֶר מַאכְט אִיר פַאר אַ "כֵּלִי"

- אַז זִי אִיז אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ. און נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם פַּארְקֶערְט אִיר צוּ דֶערְנִידֶערְן און אִיר אַוֶועקְמַאכְן אַז זִי טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט. דַאן וֶועט זִי וֶוערְן צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אִים, זִי וֶועט נָאר אִים דַארְפְן, און זִי וֶועט אִים לִיבּ הָאבְן.

## ג

חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס"ב:) "הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ, וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיוֹב ה, כד) וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ" - וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ פּוּנְקְט ווִי זִיךְ אַלֵיין, און עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד נָאךְ מֶער פוּן זִיךְ אַלֵיין, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז עֶר הָאט שָׁלוֹם בַּיִת.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אַלֵיין לִיבּ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אֵייבִּיג נָאר זֶען גוּטְס אוֹיף זִיךְ, עֶר וֶועט נִישְׁט אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט גֶעטוּן

עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט. אוֹיבּ הָאט עֶר בְּטָעוּת צוּבְּרָאכְן עֶפֶּעס, אָדֶער עֶר הָאט גֶעהַאט סֵיי וֶועלְכֶע דוּרְכְפַאל, וֶועט עֶר זִיךְ אֵייבִּיג פַארְעֶנְטְפֶערְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶס אִיז זִיכֶער נָאר גֶעוֶוען אַ טָעוּת, עֶר וֶועט אַלֶעמָאל דְרֵייעֶן דִי מַעֲשֶׂה אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג.

דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן דִי וַוייבּ פּוּנְקְט ווִי זִיךְ אַלֵיין. ווען זִי מַאכְט אַ טָעוּת, וֶוען זִי הָאט אַ דוּרְכְפַאל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זִי הָאט גֶעטוּן עֶפֶּעס וָואס רֶעגְט אוֹיף דֶעם מַאן; דַאן קֶען מֶען זֶען אוֹיבּ דֶער מַאן הָאט אִיר טַאקֶע לִיבּ. עֶר דַארְף אוֹיךְ קוּקְן נָאר אוֹיף אִיר גוּטֶע זַייט, אוּן אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט גֶעטוּן וֶוען עֶר אַלֵיין וָואלְט גֶעהַאט דֶעם דוּרְכְפַאל.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ כָּבוֹד. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ וֶוען מֶען אִיז אִים מְכַבֵּד, וֶוען מֶען שֶׁעצְט אִים. אוּן וֶוען

אַ מֶענְטְשׁ זֶעט ווִי אֵיינֶער קוּקְט אִים אַרוֹיף אוּן הַאלְט פוּן אִים, דַאן וֶועט עֶר יֶענֶעם לִיבּ הָאבְּן. דָאס מֵיינְט "וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ" - דִי וַוייבּ דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין נָאךְ מֶער פוּן זִיךְ אַלֵיין. דִי נַאטוּר פוּן אַ פְּרוֹי אִיז אַז זִי אִיז מֶער צוּקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ, זִי וֶועט שְׁנֶעלֶער וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג אוּן נִידֶערְגֶעשְׁלָאגְן וֶוען זִי וֶועט שְׁפִּירְן אַז מֶען הָאט אִיר נִישְׁט לִיבּ אוּן מֶען הַאלְט נִישְׁט פוּן אִיר. אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען זִי הָאט שׁוֹין קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער ווִילְדֶעוֶוען אוּן דְרֵייעֶן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע הוֹיז, אוּן דִי אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט פוּן דִי קִינְדֶער מַאכְט דִי פְּרוֹי נָאךְ מֶער דֶעפְּרֶעסְט. דֶערִיבֶּער אִיז דִי פְלִיכְט פוּן דִי מַאן אִיר צוּ שְׁטַארְקְן שְׁטֶענְדִיג, אִיר אַרוֹיס צוּ וַוייזְן שֶׁעצוּנְג אוּן אַנֶערְקֶענוּנְג, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר אוֹיפְהוֹיבְּן אִיר מוּט, זִי וֶועט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן מוּנְטֶער, זִי וֶועט שְׁפִּירְן אַז זִי אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב, אוּן אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶועט זִי אוֹיךְ מֶער לִיבּ הָאבְּן אִיר מַאן וָואס אִיז אִיר מְכַבֵּד.

עֶס אִיז נִישְׁט נָאר אַ פְּלִיכְט אוֹיפְ'ן מַאן צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ זַיין וַוייבּ, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:) "אִשָּׁה, בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ" - דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ, נָאר דָאס אִיז אוֹיךְ פַאר דִי אֵייגֶענֶע טוֹבָה פוּנֶעם מַאן אַז עֶר זָאל אִיר פְּרוּבִּירְן פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ אַז זַיין הוֹיז זָאל זַיין אַ וַוארִימֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע הוֹיז, עֶס זָאל זַיין אַ גֶעשְׁמַאק אַרַיינְקוּמֶען אִין הוֹיז, אַז עֶר זָאל וֶוערְן אוֹיפְגֶענוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים מִיט אַ שְׁמֵייכְל. אוּן דָאס לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מַאן. וֶוען דֶער מַאן הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ זַיין וַוייבּ, עֶר קְרִיטִיקִירְט אִיר נִישְׁט אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אִים אוֹיס אַז זִי הָאט גֶעטוּן אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אִיז עֶר אִיר דַן לְכַף זְכוּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט עֶר אַלֶעמָאל אִיר צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אוּן גוּט שְׁפִּירְן; דַאן וֶועט עֶר זֶען וִוי דִי אַלֶע זַאכְן וֶועלְן אִים אוֹיךְ צוּרִיק

קוּמֶען, זִי וֶועט אִים אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין אוּן אִים אוֹיפְנֶעמֶען שֵׁיין, אוּן צוּם סוֹף וֶועלְן בֵּיידֶע אַרוֹיסְגֵיין פַארְדִינֶער.

אֵיינְמָאל עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, דַאן רוּהט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, דִי שְׁכִינָה רוּהט נָאר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט אוּן שִׂמְחָה. אוּן דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם "אִישׁ וְאִשָּׁה שֶׁזָּכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם".

ד

חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט) "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ, ווייל אַ פְרוֹי קֶען שְׁנֶעל וֵויינֶען אוּן שְׁנֶעל וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אוּן טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ. אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֵיינֶען אַז עֶר וֶועט טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ אוּן עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן. עֶר רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַז עֶר וֶועט אִיר אַרַיינְשְׁטֶעכְן מִיט וֶוערְטֶער, עֶר וֶועט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אִיר, עֶר וֶועט אִיר פַארְשֶׁעמֶען, אָדֶער - נָאךְ עֶרְגֶער - אַז עֶר וֶועט אִיר שֶׁעלְטְן אוּן שְׁלָאגְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן עֶר קְלֶערְט אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן אוּמְבַּאשֶׁעדִיגְט. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער, אַז דָאס פַּאטְשְׁט נָאכְדֶעם צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פָּנִים אַרַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מוֹחֵל אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט רִשְׁעוּת, פְּרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער וֶועט אַזַא מַאן בַּאקוּמֶען גָאר אַ הַארְבֶּע שְׁטְרָאף פוּן הִימְל.

דֶער מַאן קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְעֶנְטְפֶערְן מִיט תֵּירוּצִים אַז זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן זִי אִיז שוּלְדִיג וַוייל זִי טְשֶׁעפֶּעט אִים אוֹיךְ. וַוייל

אַלֶעס ווֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם מַאן. אַ פְרוֹי ווֶוערְט שְׁנֶעל גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אוּן דֶער מַאן כַאפְּט נִישְׁט אַז אִיר גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטְקַייט נֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן דֶעם ווָאס עֶר סֶעקִירְט אִיר שְׁטֶענְדִיג. אוֹיבּ ווֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין אוּן אָנְהוֹיבְּן אִיר צוּ גֶעבְּן גוּטֶע ווֶוערְטֶער אוּן אִיר שֶׁעצְן, דַאן ווֶועט זִי גַאנְץ שְׁנֶעל ווֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ גוּטְס, אוּן עֶר ווֶועט גָארְנִישְׁט לַיידְן פוּן אִיר.

אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט ווִי טֵייעֶר עֶר ווֶועט בַּאצָאלְן פַאר דֶעם ווָאס עֶר טְשֶׁעפֶּעט זַיין וַוייבּ. אוֹיבּ עֶר ווֶועט אָנְהַאלְטְן מִיט זַיין רִשְׁעוּת קֶעגְן אִיר, דַאן ווֶועט עֶס נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי דֶעם, נָאר עֶס ווֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז עֶס ווֶועט אִיר צוּטְרֶעטְן צוּ דִי נֶערְוֶוען, אוּן דַאן ווֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין ווֶועג צוּרִיק. אַ נֶערְווֹן צוּזַאמְנְבְּרָאךְ חַס וְשָׁלוֹם אִיז זֵייעֶר שְׁווֶוער אוֹיסְצוּהֵיילְן. ווֶוען עֶס ווֶועט שׁוֹין הַאלְטְן דָארְט, ווֶועט זִיךְ דֶער מַאן הַאקְן קָאפּ אִין וַואנְט אוּן

בַּאַווייַנֶען זַיין בִּיטֶער גוֹרָל אוּן עֶר וֶועט דָאס נִישְׁט קֶענֶען צוּרִיק דְרֵייעֶן. מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל פוּן פָּארְאוֹיס, ווען מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי וַוייבּ, וֶועט מֶען מִיט דֶעם זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן דִי אַלֶע צָרוֹת.

חַזַ״ל זָאגְן (גִיטִין ו:) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט אִינְדֶערְהֵיים, עֶר זָאל נִישְׁט זַיין צוּ שְׁטְרֶענְג אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל אוֹיבּ הָאט מֶען צוּ שְׁטַארְק מוֹרָא פוּנֶעם מַאן, בְּרֶענְגְט דָאס נָאכְדֶעם צוּ דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת פוּן גִלוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכַת דָמִים, אוּן חִילוּל שַׁבָּת. וַוייל וֶוען דִי וַוייבּ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹרָא פוּן אִיר מַאן, זִי צִיטֶערְט אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף אִיר, דַאן וֶועט זִי טוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת אוּן אוֹיךְ אִים מַכְשִׁיל זַיין מִיט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אַלֶעס נָאר כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט גֶעוואוּיר וֶוערְן אוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף אִיר. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג אוּן

שַׁארְף, דִי פַאמִילְיֶע דַארְף וִויסְן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אַזוֹי צִיטֶערְן פוּן אִים, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְרֶעגְן אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי כֵּלִים וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל.

פַארְקֶערְט, דֶער אַרְבֶּעט פוּן אַ מַאן אוּן טַאטֶע אִיז אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רוּאִיגְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, צוּ מַאכְן אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ. דֶער מַאן דַארְף רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי שְׁוֶוערִיקַייטְן מִיט וָואס זִי מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אוּן אִיר נָאר שְׁטַארְקְן שְׁטֶענְדִיג אוּן אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶר זָאל אִיר אַרַיינְגֶעבְּן דִי כֹּחַ אַז זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אִירֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן אוּן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ.

אֲפִילוּ דֶער מַאן אַלֵיין הָאט זִיךְ אוֹיךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן, דַארְף עֶר אָבֶער פַארְשְׁטֵיין אַז סוֹף כָּל סוֹף אִיז עֶר דֶער מַאן, עֶר הָאט בְּרֵייטֶע פְּלֵייצֶעס. עֶר קֶען נִישְׁט

וַוארְטְן אַז זִי זָאל אָנְהוֹיבְּן אִים צוּ שְׁטַארְקְן, עֶר דַארְף זַיין דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן צוּ שְׁטַארְקְן זַיין וַוייבּ, אוּן דַאן וֶועט עֶר אַלֵיין אוֹיךְ וֶוערְן גֶעשְׁטַארְקְט.

וֶוען עֶס הֶערְשְׁט אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין הוֹיז, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ אַ רוּאִיגְקֵייט אוּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין הוֹיז, דַאן בְּרֶענְגְט דָאס אַלֶע בְּרָכוֹת אִינְדֶערְהֵיים. דִי קִינְדֶער וָואס וֶוערְן גֶעבּוֹירְן אִין אַ פְרֵייליכֶע הוֹיז, זֶענֶען גֶעזוּנְטֶע אוּן גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער, גֶעשְׁמַאקֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען נָאכְדֶעם פִיל נַחַת פַאר דִי עֶלְטֶערְן.

אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אוֹיךְ פַּרְנָסָה אִינְדֶערְהֵיים, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ״ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ״ט) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן זַיין וַוייבּ, וַוייל אַלֶע בְּרָכוֹת קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי פְרוֹי, אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ

אִיז מְכַבֵּד אוּן שֶׁעצְט זַיין וַוייבּ וֶועט עֶר וֶוערְן רַייךְ.

## ה

וֶוען דֶער מַאן כַאפְּט אַמָאל אַרַיין אַ פְּסַק פוּן זַיין וַוייבּ, זִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אִים, זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים, זִי הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אוּן מְצַעֵר גֶעוֶוען; דַארְף עֶר דֶעמָאלְט הַאלְטְן קָאפּ אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן. אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּרִיק צוּ קְרִיגְן אוּן צוּרִיק שְׁרַייעֶן, זָאל עֶר עֶנְדֶערְשׁ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט פַאר תְּשׁוּבָה, זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מַאן דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען אַזוֹי פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען דִי וַוייבּ שְׁרַייט אוֹיף אִים. חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי ע"ז פ"ב ה"א) אַז דִי נַאטוּר פוּן אַ פְּרוֹי אִיז צוּ שְׁרַייעֶן. זִי מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס דֶערְמִיט. נָאר וֶוען זִי אִיז אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט,

און דִי קִינְדֶער הָאבְּן אִיר גֶערְווִירְט, קֶען דָאס אוֹיסְקְלַאפְּן אִין שְׁרַייעֶן אוֹיפְ׳ן מַאן. מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל וֶועט עֶס אָבֶּער דֶער מַאן אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען און עֶס וֶועט שְׁנֶעל אַרִיבֶּערְגֵיין.

דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט פוּן זַיין וַוייבּ, קוּמְט פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת. מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרִיעֶר דֶערְמַאנְט דִי גְמָרָא (יְבָמוֹת ס״ג.) ״אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר מַאי דִכְתִיב (בְּרֵאשִׁית ב, יח) אֶעֱשֶׂה לוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדוֹ? זָכָה, עוֹזַרְתּוֹ. לֹא זָכָה, כְּנֶגְדוֹ״. אוֹיבּ אִיז דֶער מַאן זוֹכֶה, דַאן שְׁטֵייט זַיין וַוייבּ צוּ זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט און זִי הֶעלְפְּט אִים אַרוֹיס, און אוֹיבּ אִיז עֶר נִישְׁט זוֹכֶה, דַאן אִיז זִי קֶעגְן אִים. אוֹיבּ אִיז דֶער מַאן זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר דַאוְונְט יֶעדְן טָאג, עֶר לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין; דַאן וֶועט זַיין וַוייבּ זַיין גוּט צוּ אִים. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מַאן פִירְט זִיךְ נִישְׁט ווִי מֶען בְּרוֹיךְ, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר

לֶערְנְט נִישְׁט און דַאוְונְט נִישְׁט, און עֶר פַּאלְט דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת; דַאן וֶועט דָאס אוֹיסְקְלַאפְּן אוֹיף זַיין שְׁלוֹם בַּיִת, זַיין וַוייבּ וֶועט וֶוערְן אַ "כְּנֶגְדוֹ", זִי וֶועט אִים דֶערְקוּטְשֶׁען דִי יָארְן.

דִי בִּזְיוֹנוֹת און יִסוּרִים וָואס מֶען הָאט פוּן אַ וַוייבּ, דָאס אַלֵיין אִיז שׁוֹין אַ כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין מ"א:) "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אִשָּׁה רָעָה, אֵינוֹ רוֹאֶה פְּנֵי גֵיהִנוֹם" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ, וֶועט עֶר נִישְׁט זֶען דֶעם גֵיהִנוֹם. יֶעדֶעס מָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַ בִּזָיוֹן פוּן זַיין וַוייבּ, ווִישְׁט עֶר מִיט דֶעם אָפּ נָאךְ אַ חֵלֶק פוּן זַיין גֵיהִנוֹם.

דֶערִיבֶּער וֶוען דֶער מַאן זֶעט אַז זַיין וַוייבּ טְשֶׁעפֶּעט אִים, זָאל עֶר אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, און עֶר זָאל דָאס נָאר נוּצְן אַלְס אַ דֶערְמַאנוּנְג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז צַייט זִיךְ אוֹיף צוּ וֶועקְן און צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. און דֶער מַאן דַארְף גֵיין אִין אַ זַייט אִין זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן נִישְׁט רִיכְטִיג בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ זַיין ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער. אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶען דִי ווּאוּנְדֶער וִוי זַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ טוֹישְׁן אוּן אִים אָנְהוֹיבְּן מְכַבֵּד זַיין אוּן לִיבּ הָאבְּן. וִוי מֶער דֶער מַאן וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלְץ מֶער וֶועט זַיין וַוייבּ צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּ אִים.

## ו

דִי נַאטוּר פוּן אַ פְרוֹי אִיז אַז זִי קוּקְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע אוּן שְׁוֶוערֶע בַּארְג וָואס אִיז גָאר שְׁוֶוער אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן, אִין דִי צַייט וָואס דֶער מַאן קוּקְט אָן דֶעם בַּארְג פַאר אַ קְלֵיינִיקַייט אוּן עֶר קֶען עֶס אַרוֹיפְקְרִיכְן אִין אֵיין מִינוּט.

וֶוען דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים אוּן זֶעט אַז דִי הוֹיז אִיז אִיבֶּערְגֶעוָוארְפְן אוּן נִישְׁט צוּזַאמְגֶענוּמֶען, הָאט עֶר צְוֵויי בְּרֵירוֹת. עֶר קֶען אָנְהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי וַוייבּ פַּארְוָואס זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן מְסַדֵר זַיין דִי הוֹיז, אוּן - פַארְשְׁטֵייט זִיךְ - דָאס שְׁרַייעֶן וֶועט נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין רוּאִיגְקֵייט אִין שְׁטוּבּ. אָדֶער קֶען דֶער מַאן נוּצְן זַיין שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז דִי וַוייבּ אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן אוּן זִי אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מְסַדֵר זַיין דִי שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען זִי קוּקְט אָן דִי אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ כַאפְּט אִיר אַ צִיטֶער, זִי שְׁפִּירְט אַז עֶס וֶועט אִיר נֶעמֶען עֶטְלִיכֶע שָׁעָה צוּ מַאכְן אָרְדֶענוּנְג, אוּן זִי הָאט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת אוּן צַייט דֶערְצוּ.

דֶער מַאן דַארְף זַיין קְלוּג אוּן אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי לֵייצֶעס. עֶר קֶען אִין עֶטְלִיכֶע מִינוּט טוּן דָאס וָואס וָואלְט גֶענוּמֶען פַאר דִי פְּרוֹי עֶטְלִיכֶע שָׁעָה. עֶר לֵייגְט צוּ אַ הַאנְט אוּן

הוֹיבְּט אָן צוּזַאם נֶעמֶען דִי הוֹיז, אוּן בִּיז אַפָּאר מִינוּט אִיז דָא אַ הֶערְלִיכֶע רוּאִיגֶע שְׁטוּבּ אוּן יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט הַרְחָבַת הַדַעַת.

צוּ דֶעם דַארְף מֶען אָבֶּער אַבִּיסְל צוּבְּרֶעכְן דִי גַאֲוָה. פַארְ'ן מַאן פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט אַז עֶר דַארְף אוֹיפְרוּימֶען אוּן בְּרֶענְגֶען אָרְדֶענוּנְג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אָבֶּער (שַׁבָּת קט"ז:) אַז מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין נָאמֶען אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ. אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְצִיכְט אוֹיף זַיין כָּבוֹד כְּדֵי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, דַארְף דֶער מַאן זִיכֶער מְוַותֵּר זַיין אוֹיף זַיין כְּלוֹמֶר'שְׁטֶע כָּבוֹד, אוּן אַרוֹיפְשַׁארְצְן דִי אַרְבֶּעל, צוּלֵייגְן דִי הַאנְט מִיט אַבִּיסְל גֶעפִיל, אוּן אַזוֹי גְרִינְגֶערְהֵייט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען רוּאִיגְקֵייט אִין הוֹיז.

אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער מַאן אַלֵיין זַיין דֶער פַארְדִינֶער פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט. עֶר וֶועט פַארְדִינֶען אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע אוּן

פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ, אוּן עֶר וֶועט הָאט אַ רוּאִיגֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע שְׁטוּבּ, וָואס דָאס וֶועט אִים נָאר אַרוֹיסְהֶעלְפְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

## ז

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה י״ז, ט׳) ״כֵּיוָן שֶׁנִבְרֵאת הָאִשָּׁה, נִבְרָא שָׂטָן עִמָּהּ״ - וִוי נָאר דִי פְרוֹי אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אִיז אוֹיךְ דֶער שָׂטָן בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם שָׂטָן, וָואס עֶר אִיז דֶער וָואס אִיז מְקַטְרֵג אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ אוּן זוּכְט אִים נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען צָרוֹת, אִינְאֵיינֶעם מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיין וַוייבּ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט דֶער שָׂטָן אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער דִי פַּרְנָסָה, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן; דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס שְׁפִּיגְלְט אָפּ דִי וֶועג וִוי

אַזוֹי עֶר גֵייט זִיךְ אוּם מִיט זַיין וַוייבּ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט מִיטְגֶעפִּיל מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר פְּרוּבִּירְט אִיר אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן ווִי וַוייט עֶר קֶען, עֶר שֶׁעצְט אִיר אוּן עֶר קוּקְט אִיר אַרוֹיף אוּן זוּכְט נָאר אִירֶע מַעֲלוֹת, דַאן וֶועט דֶער שָׂטָן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים, עֶס וֶועט זִיךְ נָאר גִיסְן גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים.

## ח

דִי מַעֲלָה פוּן לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן פְּרִידְן מִיט דִי וַוייבּ, אִיז נִישְׁט נָאר פַאר דִי פָּאר-פָאלְק אַלֵיין אוּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, נָאר דִי גוּטֶע רֶעזוּלְטַאטְן דֶערְפוּן שְׁפְּרֵייטְן זִיךְ אוֹיךְ אוֹיס צוּ דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע.

דִי גְרֶעסְטֶע גְלִיק בַּיי עֶלְטֶערְן אִיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי זֶעעֶן ווִי דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיט זֵייעֶר פַאמִילְיֶע בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה. סַיי דֶעם מַאנְ'ס עֶלְטֶערְן אוּן סַיי

דִי פְּרוֹי״ס עֶלְטֶערְן שֶׁעפְּן הוֹיפֶּעְנֶעס פוּן נַחַת אוּן שִׂמְחָה, צוּקוּקְנְדִיג ווִי אַזוֹי זֵייעֶרע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אוּן לֶעבְּן אַ בְּשׁוּתְּפוּת׳דִיגְן פְּרֵיילִיכְן לֶעבְּן.

עֶס מַאכְט זִיךְ לַיידֶער אַמָאל אַז עֶס אַנְטְווִיקְלְט זִיךְ אַ מַחְלוֹקֶת אִין אַ מִשְׁפָּחָה, אוּן דָאס אִיז דָאס עֶרְגְסְטֶע וָואס קֶען נָאר פַּאסִירְן. יֶעדֶער מִיטְגְלִיד פוּן דִי פַּאמִילְיֶע פוּן בֵּיידֶע זַייטְן וֶוערְט אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִינֶעם קָאנְפְלִיקְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אָן אַ שִׁיעוּר צַעַר, עַגְמַת נֶפֶשׁ, אוּן שְׁפִיכַת דָמִים פַאר גָאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן.

וֶוען אַ בֵּיישׁוֹיעֶר קוּקְט זִיךְ צוּ צוּ אַזַא מַחְלוֹקֶת, קֶען זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז דָאס הָאט זִיךְ זִיכֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט עֶפֶּעס אַ גָאר עֶרְנְסְטֶע זַאךְ, עֶפֶּעס הָאט אֵיינֶער גֶעמוּזְט טוּן גָאר אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אַז דָאס זָאל צוּפְלַאקֶערְן אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת. וֶוען מֶען קוּקְט אָבֶער צוּרִיק, זֶעט מֶען אַז דִי גַאנְצֶע

גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּלוֹיז מִיט אַ קְלֵיינֶע נַארִישְׁקַייט וֶוען דֶער מַאן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן זָאגְן עֶפֶּעס אַ וִויץ אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן זַיין וַוייבּ, אָדֶער דִי וַוייבּ הָאט גֶעגֶעבְּן עֶפֶּעס אַ קְלֵיינֶע טְשֶׁעפֶּע דֶעם מַאן. אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִינְדֶערְהֵיים, קֶען יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וֶוערְן וִוי אַ שְׁוֶועבְל וָואס קֶען אוּנְטֶער צִינְדֶען אַ רִיזִיגֶע פֵּייעֶר.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג. וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַ נִסָיוֹן אַז דֶער מַאן שְׁפִּירְט אַז עֶר מוּז מְצַעֵר זַיין זַיין וַוייבּ חַס וְשָׁלוֹם. זָאל עֶר אוֹיךְ נֶעמֶען אִין חֶשְׁבּוֹן אַז מִיט דֶעם קֶען עֶר אָפּ'הַרְגְ'עֶנֶען נִישְׁט בָּאר זַיין אֵייגֶענֶע פַאמִילְיֶע, נָאר אוֹיךְ זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אַרוּם אוּן אַרוּם. וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, וֶועט מֶען זִיךְ נָאךְ מֶער אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זֶען אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן בָּאר שָׁלוֹם אוּן הַארְמָאנְיֶע אִין שְׁטוּבּ.

אַרייַנְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס זַיין נָאמֶען אִיז "שָׁלוֹם" (שַׁבָּת י:).

## ט

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז כָאטְשׁ וָואס מֶען דַארְף טַאקֶע מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן אִיר שֶׁעצְן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אִיז דָאס נָאר וִוי לַאנְג דָאס אִיז אִין אַיינְקְלַאנְג מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוֹיבּ דִי וַוייבּ ווִיל חַס וְשָׁלוֹם צוּרֶעדְן דֶעם מַאן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן דִי תּוֹרָה, דַאן טָאר עֶר אִיר נִישְׁט פָאלְגְן, אוּן עֶר טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ דֶעם. עֶר דַארְף אִיר מַסְבִּיר זַיין שֵׁיינֶערְהֵייט, אָבֶּער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט, אַז עֶר וֶועט אַלֶעס אוֹיסְהֶערְן פוּן אִיר, בִּיז עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּרֶעדְן צוּ עוֹבֵר זַיין חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף עֶפֶּעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְבָּאטְן.

ווען דִי פְרוֹי וועט זען דעם מַאנְ'ס שְׁטַארְקַייט אַז ער הַאלְט זִיךְ פֶעסְט מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און ער וועט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן דֶערְפוּן, דַאן וועט זִי זִיךְ אוֹיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ אִים, און זִי וועט מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת. חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, נ"ד) "בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי אִישׁ גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִים אִתּוֹ - אוֹיְבָיו זֶה אִשְׁתּוֹ", אֲפִילוּ ווען עס קֶען אוֹיסְקוּקְן ווִי דִי וַוייבּ אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן מַאן ווען ער ווִיל זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן צוּ אִיר צוּ טוּן זַאכְן קֶעגְן דִי תּוֹרָה. אוֹיבּ אָבֶער וועט זִי זֶען אַז ער הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, וועט זִי צוּם סוֹף אוֹיךְ זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ אִים. פַּארְקֶערְט, זִי וועט אִים נָאךְ מֶער אַרוֹיפְקוּקְן צוּלִיבּ זַיין שְׁטַארְקַייט.

און פַּארְקֶערְט, אוֹיבּ דֶער מַאן וועט זִיךְ יָא לָאזְן אִיבֶּער רֶעדְן אַוֶועק צוּ גֵיין חַס וְשָׁלוֹם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וועט זִיךְ עֶס עֶנְדִיגְן זֵייעֶר בִּיטֶער. אוֹיף דֶעם זָאגְט דִי גְמָרָא (בֵּיצָה

ל״ב.) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס זַיין וַוייבּ גֶעוָועלְטִיגְט אוֹיף אִים, אִיז זַיין לֶעבְּן נִישְׁט קַיין לֶעבְּן. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ הִיטְן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן דִי וַוייבּ.

אוֹיבּ בֵּיידֶע וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, דַאן וֶועט זֵייעֶר לֶעבְּן זַיין אַ גְלִיקְלִיכֶע אוֹיף בֵּיידֶע וֶועלְטְן.

י

דֶער מַאן דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זַיין דֶער וָואס בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה אוּן שְׁטוּבּ. נִישְׁט אַז עֶר זָאל זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן דִי פְרוֹי זָאל אַרוֹיסְגֵיין אַרְבֶּעטְן. חַזַ״ל זָאגְן (פְּסָחִים נ:) ״כָּל הַמְצַפֶּה לִשְׂכַר אִשְׁתּוֹ אֵינוֹ רוֹאֶה סִימָן בְּרָכָה לְעוֹלָם״ - עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין סִימָן בְּרָכָה וֶוען דִי וַוייבּ אִיז דִי פַּרְנָסָה-בְּרֶענְגֶערְן אִין שְׁטוּבּ. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז

אַז דִי פְרוֹי זָאל בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט דִי שְׁטוּבּ ווִירְטְשַׁאפְט, אוּן דֶער מַאן זָאל זַיין דֶער וָואס גֵייט אַרוֹיס אוּן בְּרֶענְגְט אַהֵיים פַּרְנָסָה. דִי פְרוֹי אוּן קִינְדֶער פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיפְ'ן מַאן, אוּן דֶער מַאן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף דֶער מַאן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל טַאקֶע אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

דֶער מַאן דַארְף אָבֶּער זֶען אַז עֶס זָאל זַיין בְּרֵייט פַּרְנָסָה. אַז עֶר זָאל צוּשְׁטֶעלְן פַאר זַיין וַוייבּ אַלֶעס וָואס זִי דַארְף אוּן אִיר אוֹיךְ קוֹיפְן מַתָּנוֹת. בַּיי דֶעם טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קַארְג. אוֹיבּ עֶס וֶוערְט אַ צִמְצוּם אִין שְׁטוּבּ, עֶס פֶעלְט עֶסְן, עֶס פֶעלְט קְלֵיידֶער, אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן אִין שְׁטוּבּ, דַאן הוֹיבְּט זִיךְ גְלַייךְ אָן שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען. חַזַ"ל זָאגְן (תְּמוּרָה ט"ז.) אַז ווִי נָאר עֶס לָאזְט זִיךְ אוֹיס דָאס עֶסְן אִין שְׁטוּבּ, הוֹיבְּט דִי פְרוֹי גְלַייךְ אָן צוּ שְׁרַייעֶן.

דֶער מַאן דַארְף אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אוּן טַאקֶע מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט. עֶר זָאל זֶען אַז דִי שַׁאפֶּעס אוּן דִי פְּרִיזְשִׁידֶער זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זַיין פוּל מִיט עֶסְן, אַז דִי פְּרוֹי אוּן קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן וָואס זֵיי דַארְפְן אָנְצוּטוּן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף אִינְדֶערְהֵיים. וֶוען עֶס אִיז דָא אַ שֶׁפַע אִינְדֶערְהֵיים, דַאן הֶערְשְׁט אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִינְדֶערְהֵיים אוּן עֶס אִיז דָא אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת. אוּן דֶער מַאן דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין פַּרְנָסָה, אוּן זַיין שְׁטוּבּ וֶועט זִיךְ טוֹישְׁן צוּם גוּטְן.

## יא

מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְצְווִינְגֶען אוֹיף אַ וַוייבּ אַז זִי זָאל מוּזְן טוּן וָואס דֶער מַאן ווִיל. צוּם בַּיישְׁפִּיל אוֹיבּ דִי פְּרוֹי ווִיל נִישְׁט גֵיין צוּ אִיר

מַאנְ'ס עֶלְטֶערְן אָדֶער פַאמִילְיֶע, קֶען מֶען אִיר נִישְׁט דְרוּקְן צוּם וַואנְט אַז זִי מוּז גֵיין. אוֹיבּ זִי שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט בַּאקְוֶועם דָארְטְן, אִיז דָאס אִיר פְּרִיוִוילִיגְיֶע צוּ בַּאשְׁלִיסְן אוֹיבּ זִי וִויל יָא אָדֶער נִישְׁט אַהִינְגֵיין. חַזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רוּת, ב) אַז אַ פְרוֹי שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט בַּאקְוֶועם נָאר אִין אִיר אֵייגֶענֶע הוֹיז. אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער מַאן זֶען אַז אוֹיבּ עֶר צְווִינְגְט נִישְׁט זַיין וַוייבּ צוּ טוּן זַאכְן וָואס זִי וִויל נִישְׁט, צוּ גֵיין אוֹיף פְּלֶעצֶער וואוּ זִי וִויל נִישְׁט, דַאן וֶועט זִי צוּם סוֹף זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים אוּן טוּן זַיין וִוילְן.

דֶער מַאן דַארְף זִיךְ נָאר אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּן אִים. דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין אָבוֹת (פֶּרֶק ב') "בַּטֵל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ, כְּדֵי שֶׁיְבַטֵל רְצוֹן אֲחֵרִים מִפְּנֵי רְצוֹנֶךָ" - וֶוען דֶער מַאן גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט זַיין וַוייבּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים. וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט

אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אִים קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט עֶר אַ גְלִיקְלִיכֶע אוּן פְּרֵייליכֶע לֶעבְּן.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (יַלְקוּט בְּשַׁלַּח, רֶמֶז תתקל"ז): "אַשְׁרֵי אָדָם שֶׁאִשְׁתּוֹ מְעִידָתוֹ, וְתוֹרָתוֹ מְעִידָתוֹ, וּפַרְנָסָתוֹ מְעִידָתוֹ" - ווִי וואוּיל אִיז פַּאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס זַיין וַוייבּ זָאגְט עֵדוּת אַז עֶר אִיז גוּט, דִי תּוֹרָה זָאגְט עֵדוּת אוֹיף אִים, אוּן זַיין פַּרְנָסָה זָאגְט אוֹיף אִים עֵדוּת. וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן קֶען מֶען זֶען בַּיי זַיין פַּרְנָסָה ווִי שֵׁיין עֶר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט זַיינֶע מִיטְאַרְבֶּעטֶער, אוּן עֶר בַּאגַנְבְ'ט נִישְׁט קֵיינֶעם. מֶען קֶען עֶס אוֹיךְ דֶערְקֶענֶען אוֹיף זַיין תּוֹרָה, אַז עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוּן אוֹיךְ זַיין וַוייבּ קֶען עֵדוּת זָאגְן אַז אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד, עֶר שֶׁעצְט אִיר, אוּן עֶר הָאט אִיר לִיבּ.

וֶוען אַ אִיד גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג זַיין גוּט. סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט און סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

# הספר הקדוש הזה

נדפס לזכות

**יואל משה עזרא פליישמאן**

וזוגתו

**שרה לאה**

וילדיהם

**יוסף צבי, חיים זאנוויל, אריה לייב, יצחק אהרן, נחמה, שלום, אדל.**

לעילו נשמתם

אביו יוחנן שמחה בן ר' שלמה גבריאל

אמו שרה זהרה בת נסים הלוי

שמחה רבקה ע"ה בת ר אברהם מרדכי הלוי נ"י

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

# הספר הקדוש הזה

נדפס לזכות

**מורינו ראש ישיבה שליט"א**

וזוגתו

**אסתר גיטל תחי',**

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון ומשפ',**

**נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות
רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.




IDEA. 8452769664

# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**